בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שופטים תשפ"א | גליון 612 [שנה י"ג]

**די סמיכות פון צדקה צו משפט**

שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק: (טז יח) צו פארשטיין די סמיכות פון ענדע פרשת ראה וואס ענדיגט זיך אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ כְּבִרְכַּת ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן־לָךְ, וואס איז די שייכות פון די צוויי ענינים? נאר דעם פסוק אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ וגו' רעדט וועגן געבן צדקה, און פשט אין פסוק קען זיין אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ, אזוי ווי וויפיל דו גיסט צדקה, זאלסט נישט טראכטן אז דו פארלירסט געלט, נאר כְּבִרְכַּת ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן לָךְ, אזוי פיל וועט דער אויבערשטער דיר צוריקגעבן און בענטשן, קומט אויס אז די תורה דערציילט, אז געבן צדקה איז א טובה פארן מענטש כדי צו באקומען די בִּרְכַּת ה', דאס זעלבע איז דער ענין פון שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ, ווייל דו קענסט טראכטן אז זיי וועלן זיין שטרענג און שטראפן מענטשן, ממילא וואס פעלט דאס אויס? דעריבער שטייט וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק, אז דאס איז גאר א טובה פאר אייך ווייל ווען נישט וואס מענטשן וועלן האבן פון וועמען צו מורא האבן, וועט דאך יעדער וועלן איינשלינגען דעם צווייטן, איז דאס א טובה. כעין דעם פשט אבער א ביסל אנדערש שטייט אין ספר מחזה **אברהם** פון הייליגן **בוטשאטשער** וואס ברענגט דעם **ראשית חכמה** (פרק הדינין) אז די וועלט שטייט אויף דין און צדקה און זיי זענען דער יסוד פון די וועלט אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כח יז) וְשַׂמְתִּי מִשְׁפָּט לְקָו וּצְדָקָה לְמִשְׁקָלֶת, און עס שטייט דארטן אין ר"ח, פארוואס האט דער אויבערשטער ליב משפט? ווייל דעם שלום איז תלוי אין משפט, וז"ל "כי כשיש בין אדם לחבירו דין ותחרות וקטטה ועושין ביניהם דין, השלום נעשה ביניהם". ממילא איז גוט די סמיכות פון אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ, צדקה, צו שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ, וואס דאס איז דין, ווייל צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאֶךָ. ממילא האבן מיר צוויי מהלכים אין די סמיכות צדקה מיט משפט, איינט וויילביידע זענען א טובה פארן מענטש, און די צווייטע טעם איז ווייל די ביידע זענען די יסוד און תכלית פון די וועלט. (שמח זבולון תשפ"א)

**פארוואס שטייט שופטים און שוטרים?**

שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק: (טז יח) שטייט אין מדרש (תנחומא א) אויפן פסוק שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ זש"ה דאס איז וואס שטייט (תהלים קמ"ז י"ט) מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל. דער מדרש איז א פלא, און רוב ספרים זענען דאס מפרש, אבער מען קען אויך זאגן, אז דער מדרש איז געווען שווער פארוואס שטייט א כפל הלשון שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים? נאר עס זענען דא צוויי סארט בעלי דינין, איינס איז ווען צוויי עהרליכע אידן קומען צו בי"ד צו הערן די הלכה ביין זייערע טענות, און וואס בי"ד וועט פסקנען וועלן זיי פאלגן גלייך, און בי"ד האט א גרינגע ארבעט אבער עס זענען דא אסאך וואס קומען צו בי"ד און הערן זייער פסק אבער עס געפעלט זיי נישט און ווילן נישט פאלגן דעם פסק פון בי"ד, דעריבער דארף בי"ד גיין שטרענג מיט זיי און צווינגען צו פאלגן דעם פסק. און עס איז ידוע אז יעקב איז א נידעריגע מדריגה און ישראל איז א העכערע מדריגה, דאס שטייט אין מדרש ווייל עס זענען דא צוויי סארטן בעלי דינין דעריבער שטייט שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ, וואס דאס שטייט, מַגִּיד דְּבָרָיו, וואס ביידע זענען א לשון פון שטרענג רעדן, דאס דארף מען האבן פאר יַעֲקֹב, די נידעריגע מדריגה וואס זענען נישט צופרידן פון פסק פון בי"ד, און מען דארף שֹׁטְרִים זיי צו צווינגען, אבער די אנדערע וואס ווילן פאלגן דעם פסק, פאר זיי דארף מען נאר זאגן חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו, ווייל לְיִשְׂרָאֵל, זיי זענען אין א העכערע מדריגה. (שפתי בינה ר' ש.ב. דייטש נכד הכתב סופר)

## א ווינקל אין דאווענען

### ווער האט מחבר געווען דער תפילה פון ישתבח

יִשְׁתַּבַּח שִׁמְךָ לָעַד מַלְכֵּנוּ הָאֵ-ל הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ. וכו' בָּרוּךְ אַתָּה ה', קֵל מֶלֶךְ גָּדוֹל וּמְהֻלָּל בַּתִּשְׁבָּחוֹת, קֵל הַהוֹדָאוֹת, אֲדוֹן הַנִּפְלָאוֹת, בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת, רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, הַבּוֹחֵר בְּשִׁירֵי זִמְרָה, מֶלֶךְ יָחִיד קֵל חֵי הָעוֹלָמִים. אין ספר מקור התפלות ברענגט פון סידור דרך החיים בשם דעם סדר היום וז"ל השבח הגדול הזה יש אומרים כי שלמה המלך ע"ה יסדו און דער רמז בר"ת שִׁמְךָ לָעַד מַלְכֵּנוּ הָאֵ-ל איז שלמה און נאכדעם הַמֶּלֶךְ. דאס איז מרומז שלמה המלך, מצד שני איז דא אין ספר הזכרון פון הרב הוטנער (מכון ירושלים) וואס ברענגט א כת"י ספר מיוחס צום זון פון הייליגן ראב"ד הרב יצחק סגי נהר, וואס אליהו האט אים געזאגט אז דער תפילה פון ישתבח שטאמט פון אברהם אבינו, און טאקע די ר"ת פון אֲדוֹן הַנִּפְלָאוֹת, בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת, רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, הַבּוֹחֵר בְּשִׁירֵי זִמְרָה, מֶלֶךְ יָחִיד איז אברה"ם. און עס שטייט דארטן וז"ל והיא התפילה שהיה אאע"ה רגיל להתפלל תמיד עכ"ל, וואס צו פארענטפערן דעם סתירה האב איך געזען א דעה אז טאקע דער ערשטע חלק האט שלמה המלך געמאכט און דער סוף האט אברהם מתקן געווען, ממילא אלו ואלו דא"ח. אבער אסאך שיטות זענען דא אז דאס שטאמט פון שפעטער, אין סדור אוצר התפילות שטייט אז דאס קומט פון די צייטן פון די גאונים, און אנדערע ברענגען א ראי' אז דעם מנהג פון מרמז זיין א נאמען אין א פיוט האט זיך אנגעפאנגן ביי די גאונים, אבער עס שטימט נישט ווייל אין בית יוסף (או"ח סי' נ"ד) ברענגט דאס שוין פון ירושלמי וז"ל המספר בין ישתבח ליוצר אור עבירה היא בידו וחוזר עליה ממערכי מלחמה עכ"ל. דער קרן אורה און באר שבע מס' סוטה דף מ"ד ע"ב נוצן דעם ירושלים להלכה עיי"ש. דער ליקוטי מהרי"ח ברענגט אז דער תפילה שטייט שוין אין זוה"ק (תרומה דף קל"ב ע"א און ויקהל דף ר"ב ע"א). אויב אזוי איז דאס שוין פאר די גאונים. אגב דער זכרון מנחם אויפן ליקוטי מהרי"ח ברענגט פון הגאון ר' מאיר אריק אין זיין ספר טל תורה מנחות דף ל"ו וז"ל גוף מאמר זה כמדומה שלא נמצא כלל בירושלמי שלפנינו. בין כן כך ובין כך איז דאס א שטארקע תפילה און האט אסאך סודות, ווייל אין אנפאנג איז דא פופצן שבחים שִׁיר וּשְׁבָחָה, הַלֵּל וְזִמְרָה, עֹז וּמֶמְשָׁלָה, נֶצַח, גְּדֻלָּה וּגְבוּרָה, תְּהִלָּה וְתִפְאֶרֶת, קְדֻשָּׁה וּמַלְכוּת, בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת, און אנדערען פירן זיך צו זאגן בנשימה אחת, און אויך ביים סוף קֵל מֶלֶךְ גָּדוֹל וּמְהֻלָּל בַּתִּשְׁבָּחוֹת, קֵל הַהוֹדָאוֹת, אֲדוֹן הַנִּפְלָאוֹת, בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת, רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, איז אויך דא פופצן אותיות כנגד שם י-ה, וואס דאס איז כנגד מדה חכמה וואס פון דארטן קומען אלע גוטע השפעות פון אויבן. דעריבער ענדיגט מען מיט ישתבח. (שמח זבולון תשפ"א)

## מדור העובדות

## דער אמרי יוסף מיט זיין רוח הקודש ברענגט צוריק די גניבה פאר זיין חסיד

אין א דארף לעבן קאשוי האט געוואוינט הרה"ח ר' צבי מאטיאוויטש ז"ל און ער איז געווען דער שוחט ובודק פון די אלע דערפלאך און שטעטלאך ארום. ער איז געווען א חסיד א בני עליה פון הייליגן בעל אמרי יוסף - הרה"ק ר' יוסף מאיר בהרה"ק ר' שמואל צבי וויים - פון ספינקא זצוק"ל. ער האט דערציילט די קומענדיגע מעשה וואס עס איז געשען מיט אים אליין ביים הייליגן אמרי יוסף.

אין יענע פלאץ וואו ר' צבי האט געוואוינט פלעגט די מיליטער מאכן איבונגען זיך צו לערנען שיסן און קריכן בערג פון צייט צו צייט, ווייל דארטן זענען געווען אסאך גרויסע בערג. מען האט געדארפט האבן א מענטש פון געגענט וואס זאל צו שטעלן אסאך טרינקען און אביסל עסן פאר די סאלדאטן און אט דעם זכות פלעגט מען פארקויפן -א ליציטאצי'- און דער וואס האט באקומען די זכות פון אנגרייטן פאר די מיליטער האט געקענט זייער שיין פארדינען. דער ר' צבי האט געהערט פון דעם פארקויפונג האט ער געהאט חשק דאס צו קענען געווינען און באקומען א שיינע פארדינסט. איז ער געפארן צום אמרי יוסף כדי פרעגן א עצה און אויך א ברכה וועגן דעם. און דער רבי האט מסכים געווען און האט אים געזאגט וויפיל געלט ער זאל אנבאטן און האט צו געזאגט אז ער וועט דאס באקומען, און אויך האט ער געגעבן א ברכה אויף הצלחה. ר' צבי האט געהאט גרויס אמונה אין צדיק און איז געגאנגען בארגן געלט פון באנק ווייל אויב מען געווינט דעם זכות דארף מען גלייך האבן גענוג געלט איינצוקויפן טרינקען און עסן.

דער אויבערשטער האט אים געהאלפן און ר' צבי האט באקומען די זכות פון די ארמיי און האט זיך גענומען צו די ארבעט. ער האט אנגעגרייט א גאר גרויסע בודקע וואו ער זאל קענען שלאפן און דארטן אנגיין מיט זיין ארבעט צו האלטן די טרינקען און אנדערע זאכן. אלעם איז געווארן אנגעגרייט און די מיליטער זענען דארטן אנגעקומען און געטאן זייער אנגרייטונגען און ר' צבי האט געארבעט בנאמנות. די אפיצערן זענען געווען זייער צופרידן מיט די ארבעט פון ר' צבי און מען האט אים געגעבן עפעס מער פון 2000 רובל - א ריזיגע אוצר פון געלט. ר' צבי האט געהאט אנגעגרייט א בייטל פון לעדער וואס איז געווען א גארטל און האט געלייגט די געלט אין בייטל און געגאנגען אין זיין בודקע.

דערווייל האט דער הויפט גענעראל געגעבן א באפעל א צוויי שעה נאך האלבע נאכט מוזן די סאלדאטן פארלאזן דעם פלאץ און צוריקגיין צו זייער מחנה. און געבעטן פון ר' צבי אז ער זאל געבן פאר יעדן סאלדאט א גלעזל בראנפן פאר זייער גוטע אויפירונג. ר' צבי האט דאס געטאן און אלע זענען געווען צופרידן. אבער ר' צבי וואס איז געווען אוים געמוטשעט פון נישט שלאפן נארמאל א פאר טעג האט נישט געהאט די כוח אהיים צו גיין און האט געפלאנט צו כאפן א קליין דרימל און האט זיך צוגעלייגט. ווען ער האט זיך אויפכאפט איז אים שלעכט געווארן ווייל איינער האט אים צו געגנבעט די בייטל און עס איז אים שלעכט געווארן. איז ער שנעל געלאפן צום הויפט אפיצער און דערציילט אז איינער פון די סאלדאטן וואס האט געזען אז ער באקומט אזא סכום געלט האט דאס געגנבעט און בעט פון אפיצער אז ער זאל בודק זיין אלע סאלדאטן. האט אים דער אפיצער געענטפערט ווען דו וואלסט דערקענט דעם גנב וואלט מען אים געקענט אוים פארשן אבער אויספארשן אזא גרויסע קבוצה פון סאלדאטן טאר די ארמיי דאס נישט טאן און מען קען גארנישט טאן. אבער ער וועט דאס איבערגעבן פאר די הויפט אפיצערן פון די ארמיי וואס איז געשען.

ר' צבי פארשטייט, און איז דאס מקבל באהבה, אבער יעצט איז ער געווארן א גרויסער בעל חוב ווייל ער האט אלע געלטער געבארגט און דארף באצאלן דעם באנק זייער הלואה פאר די משקאות און עסן וואס ער האט איינגעקויפט. ביי ר' צבי איז געווען קלאר, אז דער רבי האט אים צוגעזאגט אז ער וועט מצליח זיין, וועט ער זיכער מצליח זיין, און די אמונה האט אים טאקע געשטארקט. אינדערפרי איז ער געפארן קיין ספינקא זיך מזכיר זיין ביים רבין. דער רבי בארוהיגט אים און קוקט אין זיין קוויטל און פארטראכט זיך א פאר מינוט און זאגט וועסט נאך צוריק באקומען דיין געלט נישט שפעטער פון דעם קומענדיגן פסח. דאס איז געווען אין חודש חשון. אבער אז דער רבי זאגט, איז געזאגט, און ער איז ארוים א צופרידענער. ר' צבי האט מסדר געווען מיטן באנק און בעלי חובות, און געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל אים ממלא זיין דעם חסרון און האט געווארט פאר ישועת ה'.

גייט אריבער דער ווינטער און עס ווערט באלד פסח און עס איז נישטא קיין שום שפור פון די גניבה. פסח איז אנגעקומען און מען הערט גארנישט. די נסיון הויבט אן צו בוזשובן אין קאפ און אליץ וויל ער זיך שטארקן אין זיין אמונת צדיקים. פסח בייטאג באקומט ער אן עליה און ווען ער ענדיגט זאגט מען אים אז א די פאסט מענטש ווארט פאר אים אינדערויסן און דערלאנגט אים א טעלעגראם פון די הויפט קאמאנדיר אין אונגווער, אז ער זאל אומבאדינגט קומען ווייל מען האט גוטע נייעס פאר אים. ר' צבי האט זיך שוין לייכט אפגעאטעמט און געגעבן א שבח והודיה פארן אויבערשטן. ער האט געפרעגט דעם רב צו ער מעג פארן אין חוה"מ וועגן דעם און דער רב האט אים געפסקענט אז ער מעג פארן און איז אפגעפארן קיין אונגווער.

מען האט אים שיין אויפגענומען און דערלאנגט די טייסטער מיט געלט וואס האט געפעלט עפעס געלט אבער רוב געלט איז נאך געווען. ר' צבי האט אים זייער באדאנקט און געפרעגט ווי אזוי האט מען געטראפן דעם גנב? האט מען אים דערציילט אז א סאלדאט איז געקומען צו זיין גלח ער זאל אים העלפן בייטן א שטר פון 1000 רובל אויף קליין געלט.- ווייל ווען ער גייט סיי ווי וואו דאס צו בייטן וואלט מען אים גליין פארדעכדיגט פאר א גנב- פרעגט אים דער גלח פון וואו האט ער באקומען אזא סכום געלט האט ער געענטפערט אז זיין ברודער האט אים דאס געשיקט פון אמעריקא!

מן השמים האט זיך געפירט אז למעשה, די פרוי פון זיין ברודער וואס איז געווען אין אמעריקא, האט געבארגט געלט פון גלח און האט נישט געהאט מיט וואס צו באצאלן איר חוב ווייל איר מאן איז דאך געווען אין אמעריקא. רופט דער גלח די פרוי צו אים און זאגט: אז דיין מאן האט געשיקט 1000 רובל פון אמעריקא פאר זיין ברודער, נו! אויב ער קען שיקן אזוי פיל געלט פאר זיין ברודער, האט ער זיכער גענוג געלט דיר צו שיקן! זע אז ער זאל דיר אויך שיקן געלט און צאלן דיין חוב. האט זי געזאגט אז זי וועט דערגיין וואס איז דא געשען און זי איז געגאנגען צו די פאליציי און איינגעגעבן אז זי איז חושד אז די 1000 רובל האט איר מאן באמת פאר איר געשיקט און איר שוואגער דער סאלדאט האט דאס צוגענומען. ווייל ווי קען זיין אז מען שיקט געלט פאר א ברודער און נישט פאר א ווייב! די אפיצער האט אנגענומען איר טענה און מען האט געברענגט דעם סאלדאט און נאכן אויספארשן האט ער אויפן פלאץ מודה געווען אז ער האט דאס באמת געגנבעט פון א איד לעבן קאשוי. האט דער אפיצער זיך אנטשולדיגט פארוואס עס האט געדויערט אזא לאנגע צייט, ווייל מען האט געמוזט זוכן אין די ביכער ביז מען האט געטראפן אז איר זענט די בעלים אויף דעם. זיע"א. (פאר יוסף)

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

מגן דוד טאלנא דפוס ראשון זיטאמיר תר"ב עם קוויטלאך בפנים $3000 קהלת דוד טאלנא דפו"ר $1000, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800 סידור אר"י כתב יד שנת תצ"ד מיט הגהות בעל מקדש מלך, הרב אברהם אזולאי און הרב ר' יוסף לוריא איניקל פון אריז"ל $100000, תיקוני זוהר זיטאמיר תרכ"ה $1500 ספר שו"ת מעשה נסים מיט חתימת הרה"ק ר' דובער פרידמאן נכד הריזינער $1200, ספר ישועות יעקב עם כמה חתימות ר' נתן נטע לנדא מאושפיצין והגה"ק ר' בצלאל שמעון ניימאן בעל פנינים יקרים ועוד, כמה ספרים שייכים להרה"ג ר' משה ארי' פריינד מנאסאד. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ ממינסק, ר' איציקל מפאנעויז, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, ר' ברוך בער, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך אסאך בריוו.

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.*COM**

*מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט און אויך פרוטות און מטבעות מזמן הבית המקדש אויך דינרים, מעה, סלע וכו'*